**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון אדמיניסטראציע באשטימונגען דורכ׳ן סענאט**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די באשטעטיגונג פון נייע העלטקעיר אדמיניסטראציע באשטימונגען דורכ׳ן סענאט.

״ווי איך האב געזאגט אויפ׳ן ערשטן טאג וואס איך בין געווארן גאווערנער, איך וועל אויסזוכן דאס שענסטע און דאס בעסטע צו סערווירן ניו יארק אויף צו פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס אין יעדן ווינקל פון דעם סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די איבערגעגעבענע פובליק באאמטע וועלן נישט נאר העלפן זיכער מאכן אז מיר ליפערן די העכסטע קוואליטעט העלטקעיר פאר ניו יארקער, נאר אויך אז מיר זענען פאר ווייטער צו בויען דעם העלטקעיר סיסטעם פונ׳ם צוקונפט.״

**מארסיע אלקינס** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **באָורד פון ניו יארק סיטי קינדער׳ס צענטער.** מס. אלקינס האט איבער 35 יאר ערפארונג אין קאמיוניטי געזונטהייט. מס. אלקינס האט אנגעהויבן איר קאריערע אלס א דיעטיקערין ביי מאנהעטען פסיכיאטאר צענטער אויף וואָרדס איילענד. מס. אלקינס האט פארלאזט מאנהעטען פסיכיאטאר צענטער אין 1992 אלס א גייסטישע געזונט אדמיניסטראטארין. מס. אלקינס האט, נאכ׳ן פארלאזן וואָרדס איילענד, געדינט 12 ביים ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון קארעקשענס, ווערנדיג געהילף עקזעקיוטיוו דירעקטאר אין 2002. אין דער ראלע איז זי געווען פאראנטווארטליך פאר שטאב און אָווערטיים קאנטראל. צום לעצט איז מס. אלקינס געווען דער געהילף דירעקטאר ביי בראנקס קינדער׳ס פסיכיאטארישע צענטער. מס. אלקינס וואוינט אין לאנג איילענד.

**דזשעין בארדאוויד** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **באָורד פון באזוכער ביי קרידמאר פסיכיאטאר צענטער.** מס. בארדאוויד איז א סאציעלע ארבעטער וועלכע איז געווען אין פריוואטע פראקטיק אין ניו יארק סיטי זינט 1980. מס. בארדאוויד איז געווען עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון CAPE, א ניו יארק סטעיט גע׳לייסענס׳טע גייסטישע געזונטהייט קליניק פאר עלטערע איינוואוינער וואס געפונט זיך אין קווינס שוין איבער 32 יאר. מס. בארדאוויד האט באקומען איר דעגרי אין סאציעלע ארבעט פון קאלומביע אוניווערסיטעט אין 1972.

**דזשאסעף קאו** איז באשטעטיגט געווארן צום **באורד פון באזוכער ביי דער היים פאר וועטעראנען און זייערע אנגעוויזענע ביי אקספארד.** מר. קאו איז א רעטייערטע וועטעראן וועלכער האט געדינט אין די אמעריקאנע עיר-פאָרס און אין דעם ניו יארק סטעיט ׳עיר נעשענעל גארד׳. אין צוגאב דערצו האט מר. קאו געארבעט אויף א קורצע ווײלע ביים ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענוויראָנמענטאלע אפהיט בעפאר ווערן א פאליציי באאמטער אין נארוויטש, ניו יארק. ער האט געדינט 21 יאר בעפאר׳ן רעטייער׳ען אין 2006. זינט דאן האט מר. קאו געארבעט פאר׳ן נארוויטש סיטי סקול דיסטריקט, הענקאק עיר-פאָרס באזע, און אלס א ציווילע אינזשינערונג ספעציאליסט פאר׳ן יו-עס ׳עיר נעשענעל גארד׳.

**דעניס האדזשעס** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **באָורד פון באזוכער ביי קירבי פארענסיק פסיכיאטאר צענטער.** מס. האדזשעס פארמאגט איצט א פריוואטע פראַקטיק און, פריער פון דעם, איז געווען א קאנסולטאנט ביי דעם פאמיליע צענטער אין ברוקלין, ניו יארק, וואו זי האט צוגעשטעלט איינציגווייזע אָטפּעישענט טעראַפּי פאר מיטעלע-יארן און יונגע ערוואקסענע קליענטן. אין צוגאב צו איר קאנסולטינג איז מס. האדזשעס די דירעקטארין פון דעם קינדער׳ס הילף סאָסייעטי ׳האָוממעיקער׳ סערוויס. מס. האדזשעס ברענגט ברייטע ערפארונג האבן געארבעט ביי: אורבען פעטוועיס, וועסט-סייד פעדערעישען פאר סיניאָר האָוזינג, קעיר פאר די האָומלעס, און דער ברידזש אינק. מס. האדזשעס האט באקומען איר דיפלאם אין סאציעלע ארבעט פון פארדהעם אוניווערסיטעט. מס. האדזשעס וואוינט אין ברוקלין.

**לואיס פרעדי מאלאנא, עם-די,** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויף דעם **מינאריטעט געזונטהייט קאונסיל.** דר. מאלאנא איז ערשט באשטימט געווארן אין יולי 2020. דר. מאלאנא איז וויצע פרעזידענט פון אנגשטעקיגע קרענק — LGBTQ פראגראמען און סערוויסעס פאר קאמיוניטי העלטקעיר נעטוואָרק. אין דער ראלע ניצט דר. מאלאנא אויס זיין ברייטע ערפארונג צו העלפן לינדערן קרענק און שאפן פאזיטיווע געזונטהייט תוצאות. דר. מאלאנא האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין צענטראל אמעריקע אלס א פאמיליע דאקטער. דר. מאלאנא האט זיך אנגעשלאסן אין דעם קאמיוניטי העלטקעיר נעטוואָרק אין 1989, וואו זיין באלדיגע פאקוס איז געווען HIV טעסט׳ען.

**קאדידזשא אסבורן** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **באָורד פון באזוכער ביי צענטראל ניו יארק פסיכיאטאר צענטער.** מס. אסבורן איז איצט א נורס ביי SUNY אָפּסטעיט מעדיצינישע צענטער זינט 2010. אין דער זעלבער צייט ארבעט מס. אסבורן אויך ביי נורס קאָער. פריער האט מס. אסבורן געארבעט ביי: איראקווא נורסינג האָום און סירעקיוס קאמיוניטי העלט צענטער. מס. אסבורן איז א וואלונטירער ביי קלארקס בורן צענטער, און דער אמעריקאנער הארץ אסאסיעשען. מס. אסבורן וואוינט אין סירעקיוס, ניו יארק.

**ראמי ראסאו** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען דעם **קירבי פארענסיק פסיכאטאר צענטער.** מס. ראסאו איז א רעגיסטרירטע נורס ביי ׳ניו האופ פערטיליטי צענטער׳. פריער האט מס. רוסאו פארברענגט 30 יאר ביי קירבי פארענסיקס אלס א נורס. מס. ראסאו וואוינט אין לאנג איילענד.

**נירמאלא סאנקאראן** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויף דעם **באָורד פון באזוכער פאר׳ן קאפיטאל דיסטריקט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס סערוויסעס אפיס.** מס. סאנקאראן האט געארבעט ביי דעם ׳אינדעפענדענט פראפעשענעל ריוויו׳ ארגאניזאציע (IPRO) וואו זי האט געהאלפן אונטערזוכן אנטוויקלונג צענטערס פאר׳ן ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט. מס. סאנקאראן איז אן איינוואוינער פון אלבאני.

**לין שועטרום** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **צענטראל ניו יארק פסיכיאטאר צענטער.** מס. שועטרום איז א נורסינג סופערוויזער ביי ׳עדי ווילעדזש גרין׳ אין קאוהאוס, ניו יארק. אין דער ראלע, טוט מס שועטרום אויפזען אן איינריכטונג מיט באלד 200 עלטערע איינוואוינער. מס. שועטרום איז אריינגעקומען אין איר איצטיגע ראלע מיט ברייטע ערפארונג, האבנדיג געארבעט פאר: ׳וויזיטינג נורסעס האום קעיר׳, אָפּטום ביהעיוויאר העלט׳, ׳וועליו אָפּשענס׳, ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט ביורא פון מענטאל העלט סערוויסעס, בינגהעמטאן פסיכיאטאר צענטער און ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט ריזיקע פארוואלטונג.

**דעניס סאפעל, פי-עיטש-די,** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אויפ׳ן **פובליק געזונטהייט און געזונטהייט פלאנירונגס קאונסיל.** מס. סאפעל האט איבער 30 יאר ערפארונג מיט ארבעטן אין דעם געביט פון פובליק געזונטהייט פלאנירן און פּאָליסי. מס. סאפעל האט אנגעהויבן איר קאריערע דורך

ארבעטן אין דעם אפיס פון פלאנירונג פאר׳ן ניו יארק סיטי געזונטהייט און שפיטעלער קארפאראציע. במשך איר ארבעט פאר ניו יארק סיטי האט מס. סאפעל באקומען איר פי-עיטש-די פון NYU׳ס וואגנער סקול פון פובליק סערוויס. מס. סאפעל׳ס קענטעניס וועט איר ערמעגליכן צו ווערן סיניאָר פּאָליסי אנאליסט פאר געזונטהייט ביי דעם קאמיוניטי סערוויס סאָסייעטי פון ניו יארק. מס. סאפעל האט געדינט אלס עקזעקיוטיוו דירעקטאר פונ׳ם קאמיטע אויף געזונטהייט, ניו יארק סטעיט סענאט פון 2009-2010. דורכאויס איר קאריערע איז מס. סאפעל געווען אן אקטיווער אנטיילנעמער אין קאָנסומער אדוואקאטיר ארבעט אקטיוויטעטן.

**דזשערי טראוטז** איז באשטעטיגט געווארן צו דינען אין דעם **ראקלענד קינדער פסיכיאטאר צענטער.** מר. טראוטז איז א געוועזענער ארבעטער פון ראקלענד פסיכיאטאר צענטער וואו ער האט געארבעט אין שטאב אנטוויקלונג וואו ער האט פאקוסירט אויף פארזיכערן אז אלע שטאב און פערסאנאל זענען אויסגעריכטעט מיט די געצייג און מיטלען נייטיג אויף אויסצופירן זייערע אויפגאבעס. אין צוגאב צו זיין ארבעט ביי ראקלענד פסיכיאטאר צענטער האט מר. טראוטז אויך געארבעט ביי ראבערט על. יעגער העלט צענטער, די ׳לאעב האָוז׳, און די ׳מענטאל האָוז אסאסיעשען׳ פון ראקלענד קאונטי. אין זיין ארטיגע קאמיוניטי האט מר. טראוטז געדינט אויפ׳ן נאטאן קליין אינסטיטוט IRB באָורד, די סט. דאמיניק׳ס ראט קאמיטע, און די קאמיוניטי סערוויסעס באָורד פון ראקלענד קאונטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418